בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ג'

פרשת כי תשא - פרה תשפ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

**מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ דָא דֶעם דְרִיטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר, וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג וָאֵרָא. יֶעדֶע עִנְיָן פוּנֶעם שִׁיעוּר פַאר זִיךְ, אִיז פוּל מִיט הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה בְּעִנְיְנֵי חִינּוּךְ.**

### וֶוען מֶען רֶעדְט פּוֹעֶלְ'ט מֶען

חִינּוּךְ אִיז 'רֶעדְן צוּם קִינְד'. מֶען זָאגְט עֶס אֵיינְמָאל, מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל; שְׁרַייֶען אוֹיף קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִינּוּךְ, גֶעבְּן אַ קְלַאפּ אִין רִיקְן: **"נוּ זֶעץ זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ!"** הֶעלְפְט נִישְׁט. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', שְׁלָאגְן קִינְדֶער אוּן שְׁרַייֶען אוֹיף קִינְדֶער, קֶען זַיין עֶס הֶעלְפְט אוֹיף יֶענֶעם סֵדֶר, אָבֶער אַז מֶען וִויל עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִינֶעם קִינְד, עֶס זָאל אוֹיךְ הֶעלְפְן אוֹיף מָארְגְן, דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פּוֹעֶלְ'ט מֶען, אַ רְאָיָ' הָאסְטוּ, וִויפִיל שִׁיעוּרִים הָאסְטוּ גֶעהֶערְט וֶועגְן 'זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת' אוּן וֶועגְן 'רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' בִּיז דוּ הָאסְט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן? וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל פוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיסְטוּ נִישְׁט גְלַייךְ גֶעלָאפְן עֶס טוּן, מֶען הֶערְט עֶס אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, יֶעדֶע מָאל אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע וֶועג, אֵיינְמָאל בַּיי אַ דְרָשָׁה, אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינְמָאל מֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן אֵיינְמָאל אַבִּיסְל מֶער שְׁטְרֶענְג, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אוּן מֶען הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן.

### דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): **"דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"**, מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ, קוּמְט אוֹיס אַז 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע הַקְדָּמָה וָואס מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין אֵיינֶע פוּן דִי כִּיתּוֹת אִין שׁוּלֶע, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: **"אִיךְ דַארְף פוּן עֶנְק דְרֵיי זַאכְן, גָארְנִישְׁט מֶער"**, (אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט צִי זֵיי קֶענֶען מִיר דָאס נָאכְגֶעבְּן, הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בְּלִי נֶדֶר", הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן יֶעדֶעס מָאל "בְּלִי נֶדֶר", דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז בְּלִי נֶדֶר... מֶען זָאגְט עֶס אֵיינְמָאל בַּיי דִי דְרֵיי יָאר אוּן עֶס בְּלַייבְּט שׁוֹין אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן). **דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ**, וֶוען דִי לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין זָאל מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן; **דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ**, וֶוען דִי לֶערֶערִין רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט; **דִי דְרִיטֶע זַאךְ**, וֶוען דִי לֶערֶערִין עֶנְדִיגְט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר זָאל מֶען זָאגְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ". מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט מֶער, אַז מֶען טוּט דִי דְרֵיי זַאכְן הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה.

### אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין חָבֵר

וֶוער זָאל לֶערְנֶען 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' מִיט דִי קִינְדֶער? דֶער מְנַהֵל זָאל צוּהֶעלְפְן, אָבֶער דֶער מְלַמֵּד אוּן דִי לֶערֶערִין אַלֵיינְס דַארְפְן אוֹיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם. מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, אוּן אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער, מֶען זָאגְט עֶס אִיבֶּער מֶער עֶרְנְסְטֶער אוּן מֶער צוּרִיק גֶעצוֹיגְן.

בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן, דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין 'חָבֵר' צוּ דִי קִינְדֶער, דֶער מְלַמֵּד קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁטִיק צַייט, עֶר קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, עֶר קֶען אֲפִילוּ מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, עֶר קֶען מַאכְן אַ קוּזִיקְל, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט בַּיי חֲתוּנוֹת, אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין חָבֵר, אִיךְ בִּין דַיין מְלַמֵּד, דִי פִינְף מִינוּט מַאךְ אִיךְ זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג, אִיךְ טוּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, עֶס וֶוערְט מַמָּשׁ אַ שִׂמְחָה אִין כִּתָּה, נָאכְדֶעם זָאג אִיךְ: **"יֶעצְט דַארְפְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער שַׁיין אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ"**. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז אָט אִיז דֶער רֶבִּי פְרֵיילִיךְ אוּן אָט פַארְלַאנְגְט דֶער רֶבִּי דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְכַבֵּד אוּן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַארְ'ן מְלַמֵּד.

### אַרַיין זִינְגֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער

אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי דִי מְלַמְּדִים זִינְגֶען אַזוֹי שֵׁיין דִי בְּרָכוֹת, דִי דַאוֶונֶען אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז כְּדַאי צוּ וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ עֶס גְרִינְגֶער מַאכְן, אִין אַמֶערִיקֶע טוּעֶן עֶס דִי מְלַמְּדִים, מֶען בַּאשְׁטִימְט אַ טָאג וָואס מֶען הָאט 'יִשּׁוּב הַדַּעַת', מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער רֶבִּי צוּזַאמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זִינְגֶען אַרַיין אִין אַ רֶעקָארְדֶער 'בִּרְכַּת הַמָּזוֹן' מִיטְ'ן נִיגּוּן, פוּן "הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן..." בִּיזְ'ן סוֹף, אוּן דָאס צִינְדְט מֶען אָן יֶעדְן טָאג בְּשַׁעַת דִי קִינְדֶער בֶּענְטְשְׁן, אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיסְרַייסְן דִי גַאל יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער בַּיים בֶּענְטְשְׁן.

מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ טוּן מִיטְ'ן דַאוֶונֶען, נָאר וִויבַּאלְד מֶען לֵייגְט יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם דַאוֶונֶען, דַארְף מֶען כְּסֵדֶר צוּלֵייגְן דִי נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם רֶעקָארְדִירוּנְג, אוֹיךְ וֶוען אַ נִיגּוּן וֶוערְט שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט אוּן אַלְט בַּיי דִי קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל "בָּרוּךְ שֶׁאָמַר" וְכַדּוֹמֶה, זָאל מֶען עֶס טוֹישְׁן צוּ אַ נֵייעֶ נִיגּוּן, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן נָאכְאַמָאל דַארְפְן אַרַיין קוּקְן אִינֶעם סִידּוּר בְּשַׁעַתְ'ן דַאוֶונֶען.

### דֶער רֶבִּי דַארְף נִישְׁט וֶוערְן הֵייזֶערִיג

דִי מְלַמְּדִים פוּן דִי יוּנְגֶערֶע כִּתּוֹת בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע טוּעֶן דָאס אוֹיךְ מִיט 'חוּמָשׁ', זֵיי נֶעמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ חוּמָשׁ, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְסַדֵּר וִויפִיל פְּסוּקִים מֶען גֵייט לֶערְנֶען דִי וָואךְ, אוּן מֶען זָאגְט אַרַיין דִי פָּאר פְּסוּקִים אִין אַ רֶעקָארְדֶער. מֶען טוּט דָאס מִיט חָכְמָה, לְמָשָׁל 'פָּרַשַׁת שְׁמוֹת' הֵייבְּט מֶען אָן: **"וְאֵלֶּה שְׁמוֹת, אוּן דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען"**, אוּן מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וִוי דִי קִינְדֶער זָאגְן יֶעצְט אִיבֶּער, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען וַוייטֶער: **"הַבָּאִים, וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען"**, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ וָוארְט וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי בַּאקַאנְט מִיט דִי טַייטְשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אִיז אִיבֶּער אַפָּאר מָאל.

עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס טוּעֶן דָאס אִין כִּתָּה צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הַנָּאָה דֶערְפוּן, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

# המשך שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

זוּנְטָאג פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

**"יֶעצְט גֵייט מֶען אָפְּכַאפְּן ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי חוּמָשׁ"**, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס אֵיינְמָאל פָּאר קְלָאר אוּן שֵׁיין, נָאכְדֶעם שְׁפִּילְט מֶען דָאס אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף, אָן דֶער רֶבִּי זָאל דַארְפְן וֶוערְן ווֶערְן הֵייזֶערִיג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן דֶעם רֶעקָארְדִירוּנְג אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן... דָאס אִיז דָאךְ גְנֵיבָה; אָבֶער דֶער רֶעקָארְדִירוּנְג הֶעלְפְט אַז דֶער מְלַמֵד דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זִיצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן פָארְלֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶר קֶען שׁוֹין אַרוּמְגֵיין צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען דַארְף דֶערְמַאנֶען אַ קִינְד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ, וֶוערְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה גֶעשְׁטֶערְט דֶערְפוּן, נָאר יֶעדֶער לֶערְנְט וַוייטֶער.

### וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין

וֶוען אֵיין מְלַמֵד הָאט שׁוֹין אַרַיין גֶעזִינְגֶען אַ חֵלֶק פוּן דַאוֶוענֶען וְכַדוֹמֶה, קֶען עֶר דָאס גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים, וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין, מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ רֶעקָארְדִירוּנְג ווִי אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְדִים זִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט טַייטְשׁ, עֶר זָאגְט פָאר דִי לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן אִין אִידִישׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה' גֶעוֶוען, הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים דָאס טוּן; נִישְׁט יֶעדֶער הָאט שׁוֹין אַ נִיגוּן אוֹיף "אֲנִי מַאֲמִין", אוּן נִישְׁט יֶעדֶער הָאט בִּכְלַל גֶעטְרַאכְט פוּן זָאגְן "אֲנִי מַאֲמִין", קֶען מֶען גֶעבְּן דֶעם רֶעקָארְדִירוּנְג פַאר נָאךְ מְלַמְדִים, זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אָנְצִינְדְן אִין זֵייעֶר כִּתָּה.

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, אִיז מַיין 'קוֹל'; אַלְס אִינְגֶערְמַאן אִיז מַיין קוֹל גֶעוֶוען אַסַאךְ שֶׁענֶער ווִי הַיינְט, אִיךְ לֶערְן פָאר אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אַז מַיין קוֹל וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן. אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵייזֶערִיג, וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְ'ן שִׁיעוּר, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי הֵייזֶערִיג, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט **"וַוייל אִיךְ שְׁרֵיי וֶוען אִיךְ רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים"**, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: **"דֶער קוּנְץ פוּן אַ מְלַמֵד אִיז, אַז עֶר זָאל פָּארְלֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטִילֶע קוֹל, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁרַייעֶן הוֹיךְ"**, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"זָאגְט הֶעכֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט"**, אַזוֹי קֶען דֶער מְלַמֵד רֶעדְן שְׁטִיל אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן אִיבֶּער הוֹיךְ מִיט אַ שְׁרֵייעֶנְדִיגֶע קוֹל.

### קְלָארֶע פוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ

עֶס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ מֶען זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צֶעטְלֶעךְ מִיט טַייטְשׁ אוֹיף חוּמָשׁ, רַשִׁ"י אוּן גְמָרָא, אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵד קֶען דִי טַייטְשׁ, אָבֶער יֶעדֶע וָוארְט קֶען מֶען דָאךְ אָפְּטַייטְשְׁן אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, אוּן דֶער מְלַמֵד כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי טַייטְשׁ ווֶערְטֶער וָואס פַאר אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק - צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער מְלַמֵד ווֶעט אֵיינְמָאל טַייטְשְׁן דָאס וָוארְט 'מִצְרָיְמָה': **"קַיין מִצְרַיִם"** אוּן דִי אַנְדֶערֶע מָאל: **"צוּ מִצְרַיִם"**, ווֶערְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר צֶעטוּמְלְט, בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס אַ גַאנְצֶע בַּארְג, זֵיי ווֵייסְן שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טַייטְשְׁן, דַארְף מֶען זֵיי דָאס מַאכְן גְרִינְגְסְטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע, זִיךְ מְסַדֵר זַיין אָנְהֵייבּ וָואךְ אוֹיף אַ צֶעטְל דִי קְלָארֶע פוּנְקְטְלִיכֶע טַייטְשׁ, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען פָארְלֶערְנֶען. דִי טַייטְשׁ צֶעטְלֶעךְ דַארְף אוֹיךְ נִישְׁט יֶעדֶער מְלַמֵד מַאכְן בַּאזוּנְדֶער, אַז אֵיינֶער הָאט עֶס שׁוֹין גֶעמַאכְט זָאלְן אַלֶע נֶעמֶען פוּן אִים.

# חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שֵׁיינֶעם שְׁמוּעֶס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען 'הַלָכוֹת' פַאר קִינְדֶער, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אָנְגֶעכַאפְּט אַ בֵּיישְׁפִּיל דִי הַלָכָה פוּן נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, זֶענֶען מִיר יֶעצְט מַמְשִׁיךְ דֶעם שְׁמוּעֶס:**

### אוֹיסְטְרֶעטְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה

דָאס וָואס עֶטְץ זֶעטְס מִיךְ אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן פוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִיז וַוייל אִיךְ דַארְף קוּקְן אוֹיף דִי בָּחוּרִים וֶוען אֵיינֶער שְׁמוּעֶסְט אָדֶער שְׁטֶערְט, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה כה:): **"הָעוֹסֵק בְּמִצְוָה פָּטוּר מִן הַמִּצְוָה"**, אָבֶער וֶוען אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה אָדֶער שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים, קוּק אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה.

דָאס דַארְפְן עֶלְטֶערְן ווִיסְן, אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל מִיט אַ קְלֵיין קִינְד אוּן עֶר שְׁטֶערְט, דִי גַאנְצֶע שׁוּל דְרֵייעדְט זִיךְ אִיבֶּער, קֶען מֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, מֶען דַארְף אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אוֹיסְטְרֶעטְן דְרֵיי טְרִיט אוּן צוּרִיק טְרֶעטְן דְרֵיי טְרִיט, אוּן מֶען טְרָאגְט אַרוֹיס דֶעם קִינְד פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען בַּארוּאִיגְט אִים, אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק דַאוֶוענֶען וַוייטֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה.

וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל גֵיין דְרֵיי טְרִיט אַהִין אוּן דְרֵיי טְרִיט צוּרִיק, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. אוּן מֶען דַאוֶוענְט וַוייטֶער וואוּ מֶען הָאלְט, אוֹיסֶער אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא לַאנְגֶע הֶפְסֵק וִוילַאנְג עֶס גֶעדוֹיעֶרְט צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה – דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייבּ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה (עַיֵין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוֹרַח חַיִים, סִימָן קד, סָעִיף ה).

דִי הַלָכָה דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין מִיט אַ יִרְאַת הָעֹנֶשׁ אוּן אַהֲבַת ה'.

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָה צוּ זַיין אַ מְלַמֵד.

**אֵיין טָאג נָאכְ'ן דַף שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס אִין חִינוּךְ, פוּן דָאס וִויכְטִיגְקֵייט אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.**

### דִי מְלַמְדִים זֶענֶען דִי רֶבִּי'ס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל

דִי מְלַמְדִים זֶענֶען דִי רֶבִּי'ס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ עֶטְץ ווִילְטְס קֶענְט עֶטְץ אוֹיךְ קוֹיפְן דִי קְלֵיינֶע עֶפְּלֶעךְ אוּן וַוארְפְן אוֹיף עֶנְקֶערֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי ווִי דִי אַדְמוֹרִי"ם... עֶטְס לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַלֶע ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, ווִי אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

### וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וַוארֶעמֶע מַאמֶע, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֵיין לֶערְנֶען, אִיז זִי גֶעקוּמֶען יֶעדְן 5:30 פַארְטָאגְס צוּ מַיין בֶּעט, זִי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ מִיר: **"יוֹאֵלִ'ישׁ, שְׁטֵיי אוֹיף"**, **"מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט ווֶערְד נָאר אַז דוּ לֶערְנְסְט"**, מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אִיךְ בִּין דֶער עֶלְסְטֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן זִי אִיז יֶעדֶע שָׁעָה אוֹיפְגֶעוֶוען מִיט אַן אַנְדֶערֶע קְלֵיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף"** אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּרִיק גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אִיז זִי ווִידֶער גֶעקוּמֶען צוּ מַיין בֶּעט, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ מִיר: **"יוֹאֵלִ'ישׁ, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר אַז דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען"**, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק גֵיין שְׁלָאפְן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיד, מַיין מַאמֶע הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט.

### אִיךְ בִּין מְחוּיָב?...

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ גֶעווּאוּסְט 'אִיךְ מוּז לֶערְנֶען', וַוייל מַיין מַאמֶע זָאגְט אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען, מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ בִּין מְחוּיָב אוֹיפְצוּוֶועקְן מַיינֶע בָּחוּרִים?' 'אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב אוֹיפְצוּוֶועקְן מַיינֶע בָּחוּרִים?' עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיךְ אַרַיין אִין קִינְדֶער זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה הָאט זִי גֶעזָאגְט: **"מֶען דַארְף קוֹדֶם גֶעבְּן נַאכְטְמָאל פַאר יוֹאֵלִ'ישׁ וַוייל עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה"**. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז מִיר מַאכְן אַ סִיוּם אִין חֵדֶר, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ גֵיי בַּאקְן חַלוֹת פַאר דִי סִיוּם!"** אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט מַיין מַאמֶע ווִיל אִיךְ זָאל לֶערְנֶען, זִי בַּאקְט חַלוֹת פַאר מַיין סִיוּם, זִי הָאט אַלְץ אַרוֹיסְגֶעווִיזְן אַז תּוֹרָה אִיז בַּיי אִיר חָשׁוּב.

דָאס גֵייט אַרַיין אִין אַ קִינְד צוּבִּיסְלֶעךְ, אוּן דָאס דַארְפְן עֶלְטֶערְן, מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס טוּן, אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

אוֹיף דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס שְׁטֵייט דִי ווֶעלְט!

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווילְד אִינְגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וֶועלְכֶע הֶעלְפְן אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אוּנְזֶער פִּינְף יֶערִיג אִינְגְל. עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַיינְצוּזִיצְן סֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סֵיי אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ הֶערְשְׁן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים? מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיט גוּטְנְס, אִים צוּ גֶעבְּן בַּאלוֹינוּנְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן וֶוען עֶר אִיז וואוּיל, אָבֶער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ הָאט עֶר לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִינֶער אוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן וָואס ווילְן זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וַוייל חִינוּךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ. חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף ווִיסְן וִויפִיל צוּ זָאגְן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן, וִוי שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף גֵיין וְכוּ'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ תְּפִילָה, שְׁנַיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט: 'וִויפִיל מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין מִיט גוּטְנְס וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט'; אַסַאךְ מָאל, וַוייל מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטְס, דַוְקָא דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס גֵייט נִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג – צוּ פָאלְגְן, וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט וָואס מֶען הֵייסְט אִים, קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט דִי וֶועלְט פַאר דֶעם; וֶוען אַ קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל אָדֶער נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ' קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַ בַּאלוֹינוּנְג, אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, וַוייל מֶען דַארְף פָאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ פָאלְגְן...' אָדֶער: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן...'

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ – עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" – הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי – אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ג', מכתב ק"ע)

## אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס, וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען הָאט מִיר אָנְגֶענוּמֶען דָאס יָאר אַלְס מְלַמֵּד אִין אַ נֵייעֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין כִּתָּה ז', בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז זֵייעֶר אַ פֵיינֶע קְלַאס מִיט קִינְדֶער פוּן חָשׁוּבֶ'ע הֵיימִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר אוּן עֶר רֶעסְפֶּעקְט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַפָּאר גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער וָואס מַאכְן מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי הֶערְן בִּכְלַל נִישְׁט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי, נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקְייט נָאר זֵיי הֶערְן טַאקֶע נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פַארְ'חָלוֹמְ'ט אוּן זֵיי הֶערְן פָּשׁוּט נִישְׁט אַז מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי, בִּיז וֶוען מֶען זָאגְט אַפָּאר מָאל וֶועקְן זֵיי זִיךְ אוֹיף.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ קִינְד, גְרַאדֶע מִיט גַאנְץ אַ פֵיינֶעם קֶעפְּל, אָבֶער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן פָארְלֶערְנֶען מַאכְט עֶר מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ עֶר שִׁיסְט יֶעצְט בָּאמְבֶּעס אוֹיף אֵיינֶעם אוּן עֶר מַאכְט דִי גֶערוּדֶער וִוי בָּאמְבֶּעס פְלִיעֶן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אָנְפַאנְג אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט אִים, אָבֶער אִיךְ זֶע אַז עֶס פֶּעלְט אִים מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אַ פֵיין קֶעפְּל אוּן בַּיים שְׁפִּילְן אִיז עֶר פוּן דִי בֶּעסְטֶע, אוֹיךְ דָאס לֶערְנֶען קֶען עֶר שְׁנֶעל אוֹיפְכַאפְּן, אָבֶער אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען פְלִיט עֶר עֶרְגֶעץ אַוֶועק, וְאֵינֶנּוּ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיטְלֶען, אָבֶער עֶס גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי זֵייעֶר מֹחַ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא. דֶער מְנַהֵל זָאגְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער אוּן זֵיי וַואקְסְן עֶס אוֹיס שְׁפֶּעטֶער, אָבֶער מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ וִויל אַז יֶעדֶער קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" – אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִילָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים אִין הִימְל.

אַ מְלַמֵּד דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סָעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט כְּדַאי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד; וַוייל אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אִיז מִיד, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, קֶען עֶר שְׁנֶעל וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם אוּן עֶר קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן וְכוּ', אָדֶער אַז אַ מְלַמֵּד עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג, קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, וֶועט דֶער גַאנְצֶער טָאג דִיר גֵיין גְרִינְגֶער.

אִיךְ וִויל דִיר מִיטְטֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען; אַ מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר זַיינְ'ס אַ חַבֵר אַז עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זַיין כִּתָּה, יֶעדֶע עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶוערְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ אִים, זֵיי נֶעמֶען אִים מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים בִּיז עֶר שְׁלָאגְט זֵיי, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וואוּ דִי קִינְדֶער וֵוייסְן וֶוען עֶס אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ; אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ אִיז אַלֶעס פֵיין אוּן וואוֹיל בִּיז עֶס קוּמְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט וֶוערְן זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ צֶעוִוילְדֶעוֶועט וְכוּ'"; דֶער חַבֵר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיטְ'ן מְלַמֵּד אַלֵיין, נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער; פְרֶעגְט עֶר דֶעם מְלַמֵּד:

פארזעצונג אין לעצטע עמוד >>>

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן?
- וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
שמעו ותחי נפשכם

>>> פארזעצונג פון עמוד ג

"זָאג מִיר, וָואס אִיז דַיין סֵדֶר הַיּוֹם יֶעדְן עֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ?" זָאגְט דֶער מְלַמֵּד פַאר זַיין חַבֵר: "יֶעדְן עֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ פִיר אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גָאר פְּרִי אוּן אִיךְ זָאג אוֹיס תְּהִילִים, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַן הַנְהָגָה נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר צוּ פַאסְטְן יֶעדְן עֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ וְכוּ'", זָאגְט אִים דֶער חַבֵר: "שׁוֹין, דַארְפְסְט נִישְׁט מֶער רֶעדְן, הָאסְט שׁוֹין אַלֶעס דֶערְצֵיילְט; נִישְׁט דִי קִינְדֶער זֶענֶען דִי פְּרָאבְּלֶעם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז זֵיי זֶענֶען וואוּיל אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ פַאסְט יֶעדְן עֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער נֶערְוֶועז וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר צְוֵויי עֵצוֹת, אָדֶער הֶערְסְטוּ אוֹיף צוּ פַאסְטְן אַזוֹי וִוי דִי הַלָכָה אִיז אַז אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן, אָדֶער אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דַיין מִנְהָג, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד וָואס זָאל דִיר אִיבֶּער נֶעמֶען יֶעדְן עֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ".

אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אַ כְּלַל, אֱמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ גֵיין אוֹיף שִׂמְחוֹת פוּן מִשְׁפָּחָה וְכוּ', אָבֶּער אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט דָאךְ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחוֹת כֵּן יִרְבּוּ, עֶס קוּמְט אוֹיס כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ שִׂמְחוֹת וְכוּ', דַארְף אַ מְלַמֵּד וִויסְן אַז עֶר טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט גוּט גֶעשְׁלָאפְן, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד בְּלוֹיז וַוייל מֶען אִיז מִיד.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ מְלַמֵּד. דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוּן מִנְחָה צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אֵיין טָאג זֶע אִיךְ וִוי אַ קִינְד זִיצְט אוּן קֵייט גָאם בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ ווִיל זֶען וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט דָא טוּן מִיטְ'ן קִינְד וְכוּ'', אִיךְ זֶע וִוי דֶער קִינְד הַאלְט אִין אֵיין קֵייעֶן דִי גָאם בִּיז דֶער מְלַמֵּד הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּגֶערוּפְן דֶעם אִינְגֶל, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס קוּמְט יֶעצְט, אַ פְּרַאסְק? אַ שְׁרֵיי?' אָבֶּער אִיךְ זֶע וִוי דֶער מְלַמֵּד רוּפְט אִים צוּ זֵייעֶר נָאנְט צוּ זִיךְ, עֶר בֵּייגְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין אוֹיעֶר, אוּן זָאגְט אִים עֶפֶּעס. דֶער קִינְד גֵייט אַרוֹיס פוּן שׁוּל, עֶר קוּמְט צוּרִיק אַרַיין כְּאִילוּ לֹא הָיָה. רוּף אִיךְ צוּ דֶעם קִינְד, אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס הָאט דַיין רֶבִּי דִיר גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט?" זָאגְט דֶער קִינְד: "מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן מַיין גָאם אוּן אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען".

וֶוען דֶער מְלַמֵּד וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן יֶענֶע נַאכְט, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, נָאכְ'ן רוּפְן דֶעם קִינְד וָואלְט עֶר אִים דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרַאסְק, אָדֶער אַ צִיפּ, אָדֶער אַ שְׁרֵיי וְכוּ', אָבֶּער ווִיבַּאלְד דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶערוּט אוּן רוּאִיג וְכוּ', הָאט עֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּם קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד גֵייט גְרֶעסֶער וֶוערְן אוּן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר גֵייט גֶעדֶענְקֶען וִוי שֵׁיין זַיין רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים, אַז זַיין רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶערֶעכְנְט מִיט זַיינֶע גֶעפִילְן, דֶער קִינְד גֵייט בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶערְפַאר, אַז דוּ גֵייסְט צוּ שִׂמְחוֹת, דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן מְלַמֵּד זָאל דִיר אִיבֶּער נֶעמֶען פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין פְּרִי פוּן דִי שִׂמְחָה.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ קִינְד אִין דַיין כִּתָּה וָואס וֶוערְט זֵייעֶר פַארְטְרַאכְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, עֶר מַאכְט מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ עֶר שִׁיסְט מִיט אַ גָאן וְכוּ'; דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס אָדֶער שְׁפִּילְן גֶעימְס אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ'. עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד אַ קָאמְפְּיוּטֶער צוּ שְׁפִּילְן דֶערוֹיף גֶעימְס, נֶעמְט דָאס אַוֶועק דֶעם מֹחַ פוּנֶעם קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד זִיצְט אִין חֵדֶר גֵייט דֶער קִינְד צוּרִיק צוּ זַיין קָאמְפְּיוּטֶער, עֶר וֶוערְט אַזוֹי אַרַיין גֶעטוּן אִין דֶעם אַז עֶר פַארְגֶעסְט זִיךְ וואוּ עֶר זִיצְט, עֶר הֵייבְּט אָן מַאכְן מִיט דִי הֶענְט וִוי עֶר הַאלְט אַ בִּיקְס אוּן שִׁיסְט. דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס וואוּ מֶען שִׁיסְט וְכוּ', אָדֶער פוּן גֶעימְס וָואס מֶען שְׁפִּילְט אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער.

דֶערְפַאר, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן הָאבְּן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער א.ד.ג.; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, אָדֶער שְׁפִּילְן מִיט שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ', וָואס דָאס צִיט זֵיי נִישְׁט אַוֶועק זֵייעֶר מֹחַ.

דַיין שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וְכוּ'; קוֹדֶם אִיז מַשְׁמַע אַז דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן מִיט דֶעם קִינְד וַוייל עֶר שְׁטֶערְט דִיר וְכוּ', נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּסְטוּ אַז עֶס טוּט דִיר וֵויי וַוייל דוּ ווִילְסְט אַז דֶער קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין; דָאס אִיז צְוֵויי זַאכְן - וֶוען אַ קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר אִיז פַארְ'חָלוֹמְ'ט, דָאס אִיז אֵיין זַאךְ. נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אַנְדֶערֶע - עֶר שְׁטֶערְט דֶעם מְלַמֵּד, עֶר אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים, דָאס אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ.

אַ מְלַמֵּד, אַ מְחַנֵךְ דַארְף ווִיסְן דֶעם כְּלַל, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, דֶעמָאלְט קֶען נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד וַוארְטְן וִוי לַאנְג דִי גַאנְצֶע כִּתָּה וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נָאר מֶען דַארְף קַנְסְ'נֶען דֶעם קִינְד וְכוּ'. אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי כִּתָּה, סַךְ הַכֹּל הַאלְט עֶר נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים, אָדֶער עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט וְכוּ' - דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, בַּיי דֶעם פַאל דַארְף דֶער מְלַמֵּד פְּרוּבִּירְן אִים צוּ מְשַׁחֵד זַיין וְכוּ' נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת. אוֹיבּ הָאט דֶער מְלַמֵּד שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעט עֶר אַז דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים וְכוּ', דַארְף דֶער מְלַמֵּד טוּן וָואס דִי הַלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת מְלַמְּדִים, סִימָן רמה, סְעִיף ט): "אֲפִילוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְּקוּהוּ מִשָּׁם", אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען אִים נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן, "אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין", עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן יָא, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז וֶוען דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט, אָבֶּער אַז אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי לֶערְנֶען וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ דִי קִינְדֶער וָואס מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאר זֵייעֶר מְלַמֵּד, זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער. קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זוּכְן זֵיי דַאן אוֹיף אַ נִישְׁט גוּטֶע וֶועג מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי, דֶערְפַאר זוּכְן זֵיי צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מְלַמֵּד פוּן פָארְלֶערְנֶען, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צַייט וָואס אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן לַאכְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען תְּשׂוּמַת לֵב. וֶוען מֶען נֶעמְט אַפִיר דִי סָארְט קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פְּרִיוַואט, זֶעט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, זֵיי שְׁטֶערְן נִישְׁט לְהַכְעִיס, זֵיי טוּעֶן דָאס אוּמְוֶועלְנְדִיג נָאר כְּדֵי צוּ גֶעוואוּנֶען אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

אַ קְלוּגֶער מְלַמֵּד נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען חֶבְרָה לַייט אַז זֵיי זָאלְן אִים הֶעלְפְן, אַזוֹי שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין אַסַאךְ קָאפּ וֵויי. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען גֶעוואוּנְט זֵיי, דֶער מְלַמֵּד הָאט זֵיי אוֹיף זַיין זַייט, דֶעמָאלְט טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס אוּן זֵיי זוּכְן נָאר צוּ זַיין מִיט זֵייעֶר רֶבִּי אוֹיף אֵיין זַייט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אָן תְּפִילָּה נוּצְט גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶּער אָן תְּפִילָּה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן תַּלְמִידִים הֲגוּנִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת לִמּוּד, סִימָן ע): "צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים", אַ מְלַמֵּד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים, וואוֹילֶע תַּלְמִידִים - וַוייל אָן תְּפִילָּה גֵייט גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(עצתו אמונה חלק ב', מכתב קט"ז)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון אדער העלפן די מערכת מיט'ן אויפטייפן די שיעורים אין חינוך ועוד, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

## קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876